אִישׁ אֶת רֵעֵהוּ יַעְזֹרוּ וּלְאָחִיו יֹאמַר חֲזָק

בחור היקר

# אין אידיש גערעדט

מיר רעדן דיין שפראך

שנה ג׳-גליון צו׳
פרשת בשלח תשפ״ג

י״ל ע״י

**לוי יצחק שנעק**
**מגי״ש בישיבת קנין תורה**
**בעל מחבר ספרי יש לחקור**
להערות ולנדבות, ולכל ענייני ולקבלת העלון בדוא״ל הגליון יכולן לפנות.
315-400-1818
1818yiddish@gmail.com

## די נס איז נישט געווען אז די ים האט זיך געשפאלטן, די נס איז געווען פאר וועמען ס׳האט זיך געשפאלטן !!!!!!

חיים, אויף וועלכע פסוק??? זיצטו שוין באלד צוויי שעה!!! משה, איך וועל דיר זאגן, ס׳שטייט אין פסוק [יד, יא] **ויאמרו אל משה** - כלל ישראל האט געזאגט צו משה, **המבלי אין קברים במצרים** - צו דען איז נישט דא קיין קברים אין מצרים, **לקחתנו** - האסטו אונז גענומען, **למות במדבר** - צו שטארבן אין די מדבר, **מה זאת עשית לנו** - וואס איז דאס וואס דו האסט געטון צו אונז, **להוציאנו ממצרים** - אז דו האסט אונז ארויסגענומען פון מצרים...

### משה, וויאזוי קען זיין??? אז נאך וואס כלל ישראל האט געזען די צען מכות זאל מען נאך זאגן אזעלכע ווערטער!!!!!

חיים, די קשיא איז געוואלדיג שטארק, אבער איך וויל דיר פרעגן דריי קשיות. נו משה, לאמיר הערן.

**<u>די ערשטע קשיא איז:</u>** וואס איז געווען די נס פון קריעת ים סוף??? משה, וואס הייסט וואס איז געווען די נס??? אז די ים סוף האט זיך געשפאלטן, דאס איז נישט קיין נס??? יא חיים, אבער לאמיר לערנען א גמרא אין מסכת חולין [ז.], דארט שטייט אז ר׳ פינחס בן יאיר האט געדארפט אדורכגיין א וואסער, האט ער געשפאלטן די וואסער. איז

### וואס איז די חידוש אז די וואסער האט זיך געשפאלטן ביי קריעת ים סוף???

**<u>די צווייטע קשיא איז,</u>** פארוואס האבן די אידן געזאגט שירה נאר נאך קריעת ים סוף, און נישטגראד ווען זיי זענען ארויס פון מצרים.

**<u>די דריטע קשיא איז,</u>** די משנה ברורה [סימן נא, ס״ק יז] ברענגט אראפ בשם דער זוהר הק׳, אז מ׳זאל זאגן די שירת הים בשמחה, און מ׳זאל זיך פארשטעלן כאילו היינט גייט מען אריבער דעם ים סוף, און איינער וואס זאגט די שירה אויף דעם וועג איז מען מוחל זיינע עבירות!!!!! דו הערסט חיים, מ׳זוכט היינט אלע מיני עצות און סגולות, אין זוהר הק׳ שטייט זייער א קלארע סגולה פאר מחילת עוונות... אבער חיים, איך וויל פארשטיין.....

### פארוואס??? אויב זאגט מען די שירת הים בשמחה איז מען מוחל אלע עבירות!!!

נו משה, צוזאמען האבן מיר פיר קשיות, פונקט ווי ביי מה נשתנה, וואס איז די תירוץ??? חיים, איך וועל דיר זאגן, אבער קודם א מעשה.

### מעשה שהיה כך היה

דער הייליגער ריבניצער רבי זצ״ל פלעגט דאווענען זייער שפעט... און ער האט געוואלט האבן א מנין, אבער ער האט נישט געוואלט אז סתם מענטשן זאלן דאווענען שפעט וועגן אים, האט ער מחליט געווען אז מ׳וועט מאכן א ״ליסטע״, און נאר צען מענטשן קענען זיך איינשרייבן, און ווען עס וועט האלטן ביי צען מענטשן פארמאכט זיך די ״ליסטע״, און אזוי וועלן זיך סתם מענטשן נישט איינשרייבן.

### ויהי היום...

ס׳האט זיך פארגליסט פאר א בחור צו זיין אין דעם רבי׳ן׳ס מנין, האט ער זיך איינגעשריבן, און ווען דער רבי איז געווען גרייט האט מען אריינגערופן די אלע וואס זענען געווען איינגעשריבן, און דער בחור מיט זיי צוזאמען, און ווי דער דערציילער דערציילט, איז דער בחור געווען ווייט פון א צדיק..... והמבין יבין!!!!!

### ויבא...

דער רבי קומט אריין צום דאווענען, און גיבט זיך א דריי ארום. ער קוקט אן די אידן וואס זענען געקומען צו זיין מנין, ער קוקט יעדן אין פנים אריייייין... ווען ער קומט אן צו דעם בחור, שטעלט זיך דער רבי אפ... און קוקט אים אין... פפפפנים אריין, און ער גיבט אים א פרעג, זאג נאר בחור׳ל:

### האסטו שוין??? געדאווענט!!!

דער בחור [וואס האט שוין געהאט געדאווענט יענעם טאג. און ווי דער דערציילער דערציילט, האט עס ליידער נישט פאסירט יעדן טאג, און אפילו ווען יא, האט עס נישט גענומען קיין גאנצע פינף מינוט] שאקלט מיטן קאפ אויף ׳ניין׳... אז ער האט נאכנישט געדאווענט. דער רבי שטייט און קוקט אים ווייטער אין פנים ארייייייין, און פרעגט אים:

### האסטו שוין??? געדאווענט!!!

דער בחור האט אנגעהויבן אביסל מורא האבן, ס׳קען זיין אז דער רבי מיט זיין רוח הקודש זעט אז ער האט שוין געדאווענט, ממילא האט נישט קיין פשט צו זאגן נאכאמאל אז ער האט נישט געדאווענט, אבער מודה זיין איז אויך זייער שווער, בפרט פאר די גאנצע עולם, האט ער געגעבן אזא האלבע שאקל מיטן קאפ, ווי כאילו ער זאגט ׳ניין׳. דער רבי קוקט אים ווייטער אין פנים ארייייין, און פרעגט אים א דריטע מאל...

### האסטו שוין??? געדאווענט!!!

דער בחור זעט אז דער רבי איז באמת א בעל רוח הקודש... און ער ווייסט זייער גוט אז ער האט שוין געדאווענט [אויב מ׳קען עס רופן געדאווענט...], און ס׳איז א שאד די צייט פון לייקענען, האט ער בלית ברירה געגעבן א שאקל זיין קאפ אויף יא... און דער בחור הייבט אן ארויסצוגיין... און אויף זיין פנים איז געווען.....

### א גרויסע שמייכל!!!

און ער האט זיך אונטערגעזינגען א ניגון!!! דער גבאי לויפט צו צום בחור, און ער הייבט אן צו שרייען: בחור׳ל... דו ביסט נארמאל... דו ווייסט אז דער צדיק איז מקפיד צו האבן א מנין וואס האט נאכנישט געדאווענט, און דו האסט געוויסט אז מ׳זוכט מענטשן וואס האבן נאכנישט געדאווענט, און מיט דעם אלעם האסטו זיך איינגעשריבן, וויסנדיג אז דו טוסט א זאך וואס איז נישט ריכטיג...... און נאכדעם וואס דער צדיק האט דיר געפרעגט אויב דו האסט שוין געדאווענט האסטו געדארפט אליין

פארשטיין אז דער רבי פרעגט נישט פון קיינעם נאר פון דיר, מוז דאך זיין אז ער ווייסט וואס ער רעדט, און מיט דעם אלעם האסטו זיך נישט דערשראקן, און געזאגט א ליגנט פארן רבי'ן אין פנים אריין אז דו האסט נישט געדאווענט.....און דאס אליין באדערט מיר נישט אזוי שטארק, מיר באדערט די עיקר

**פארוואס?????? שמייכלסטו!!!!!**

**וואס איז אזוי שמייכלדיג דא, דו וואלסט זיך געדארפט באגראבן פאר בושות, און אנשטאט דעם גייסטו נאך ארום מיט א שמייכל... ביסטו נארמאאאאאאל!!!!! דער בחור ווערט נישט דערשראקן, און ער זאגט פארן גבאי: דו ווייסט וואס איך וועל דיר זאגן, דאס איז מיין גליקליכסטער טאג אויף דער וועלט.**

**וווווווווווווואאאאאאאאאאס???**

**האב איך גוט... געהערט!!! דאס איז וואס????? דיין גליקליכסטער טאג אין דיין לעבן... ביסטו נארמאל. מיט וואס פונקטליך ביסטו גליקליך, אז דו האסט פראבירט צו אויספאפן דעם הייליגן צדיק..... אדער ווייל מ'האט דיר געכאפט ביי א ליגנט!!! דער בחור ענטפערט נאכאמאל: יא, אזויווי דו הערסט...**

**ס'איז מיין גליקליכסטער טאג אין מיין לעבן!!!**

איך וועל דיר מסביר זיין וואס איך מיין, זאגט דער בחור, איך האב קיינמאל נישט געטראכט אז מיין דאווענען מיינט עפעס... אז מיינע מצוות מיינען עפעס... אבער היינט, אז דער רבי - וואס איז א בעל רוח הקודש - האט געזען אויף מיר אז איך האב שוין געדאווענט, מיינט עס אז מיין עבודה טוט עפעס אויף אין הימל, ווייל ווען נישט וואלט ער עס נישט געזען... איז אז איך האב געהערט אזא גוטע בשורה וואס וועט טוישן מיין גאנצע לעבן, איז דאס מיין גליקליכסטער טאג אין מיין לעבן.

**זייער א שיינע מעשה, אבער ווי קומט דאס אהער!!!**

זייער פשוט, די שירה וואס מיר זינגען, איז די זעלבע סיבה פארוואס דער בחור האט געזינגען!!! משה, קענסט מיר מסביר זיין וואס דו מיינסט? אוודאי, ס'שטייט אין חידושי הרי"ם א געוואלדיגע זאך, אז די נס איז נישט געווען אז די וואסער האט זיך געשפאלטן, ווייל מ'זעט דאך אז צדיקים האבן אויך געקענט שפאלטן דעם ים ווען זיי האבן געוואלט, נאר וואס דען איז געווען די נס???

**<u>די נס איז געווען אז ס'האט זיך געשפאלטן פאר דיר אויך</u>!!!!!**

וואס מיינסטו??? ס'שטייט אין חידושי הרי"ם אז די סיבה פארוואס די אידן האבן געזאגט 'המבלי אין קברים במצרים', איז נישט געווען ווייל זיי האבן נישט געגלייבט אין דער כח פון דעם באשעפער, ווייל נאך די צען מכות האט יעדער גוט געוויסט אז דער באשעפער פירט די וועלט. **<u>די פחד פון די אידן איז געווען אין זייער כח</u>,** ווייל זיי האבן געזען אז ביי די שלושת ימי אפילה זענען געשטארבן זייער אסאך מענטשן, אזויווי רש"י זאגט אויפן פסוק 'וחמישים עלו בני ישראל', אז נאר איינס פון יעדע פינף איז ארויס, קומט אויס אז זייער א גרויסע חלק פון כלל ישראל איז געשטארבן ווייל זיי זענען נישט געווען ראוי ארויסצוגיין, און די אידן האבן געוויסט זייער מדריגה, אז ס'איז געווען הללו והללו, וואס דאס מיינט אז דער שר פון די מצריים האט גע'טענה'ט פארן באשעפער, אז פארוואס זאלן די אידן געראטעוועט ווערן מער ווי די מצריים, ס'איז דאך הללו והללו, דאס מיינט אזביידע זענען אויס די זעלבע, דאס מיינט אז ווען דער שר האט געקוט אויף די אידן און אויף די מצריים האט ער נישט געזען קיין חילוק אין די מדריגה רוחניות.

**דאס האבן די אידן מורא געהאט!!!**

זיי האבן מורא געהאט אז דאס איז עס, זיי זענען נישט ראוי, ממילא וועלן זיי שטארבן, אזויווי מ'איז געשטארבן אין מצרים, ממילא האבן זיי געוויינט, אז פארוואס האט מען זיי נישט געלאזט שטארבן אין מצרים.

**אבער זיי האבן נישט געוויסט אז נאך יציאת מצרים האט זיך אלעס געטוישט**

ווייל א איד קען אין איין סעקונדע ארויסגיין פון די טיפסטע בלאטע, און זיין נאנט צום מלך מלכי המלכים. פאר יציאת מצרים האט מען טאקע נישט געקענט ארויסגיין פון די בלאטע אין איין סעקונדע, וויבאלד מ'האט געהאלטן ממש פארן אריינגיין אין די נ' שערי טומאה, און א פינפטל פון כלל ישראל איז שוין געווען אזוי טיף אריין אז זיי האבן געמוזט שטארבן. אבער ביי יציאת מצרים האט דער באשעפער געגעבן א כח פאר כלל ישראל אז א איד קען ארויסגיין פון יעדע מצב, נישט קיין חילוק ווי טיף א מענטש איז.....

**און דאס איז די נס פון קריעת ים סוף, אז יעדער איד האט זוכה געווען צו זיין ראוי צו דער נס!!!**

ווייל אויב נישט וואלט ער נישט געקענט דורכגיין דעם ים סוף, נאר ער וואלט געווארן דערטרונקען אזויווי די מצריים. יעצט פארשטייט מען זייער גוט זייער פחד, און אויך די חידוש פון קריעת ים סוף......

**און וועגן דעם האט מען נישט געזינגען שירה, נאר נאך קריעת ים סוף!!!**

ווייל אין מצרים האט מען נאר געזען אז דער באשעפער איז דער כל יכול, ער קען אלעס טון, אבער ביי אונז איז דאס נישט קיין שום חידוש, ווייל מיר ווייסן קלאר אז דער באשעפער האט באשאפן די וועלט, ממילא קען ער אלעס טון. אבער אז דער באשעפער זאל האבן א קשר מיט אונז, אפילו מיר זעען אויס ווי מיר זעען אויס, אין א מצב פון הללו והללו, און ער וועט מאכן זיכער אז יעדער איד זאל צוקומען צו וואו ער דארף, און אז ער טראכט מחשבות אז לא ידח ממנו נדח, דאס האט מען באקומען מיט יציאת מצרים, און געזען נאר ביי קריעת ים סוף, ווייל יעדער איד האט זוכה געווען אריבערצוגיין דעם ים סוף.

**בקיצור למעשה**

**די נס פון קריעת ים סוף איז נישט געווען אז די ים האט זיך געשפאלטן, ווייל מיר ווייסן שוין לאנג אז דער באשעפער איז דער כל יכול, נאר די נס איז געווען אז יעדער איד - נישט קיין חילוק אין וועלכע מצב ער איז געווען, האט זוכה געווען אז פאר אים זאל אויך זיין די נס פון קריעת ים סוף, וואס דאס מיינט אז ביי יציאת מצרים האט ער באקומען די כח אז ער קען ארויסגיין פון יעדע פלאנטער, און זיין נאנט צום ממ"ה, וואס דאס דארף זיין אונזער גרעסטע שמחה.**

**און וועגן דעם איז מען מוחל די עבירות**

פאר איינעם וואס זאגט שירת הים בשמחה. ווייל וואס איז אן עבירה, עבירה מיינט אז דו ביסט געווארן ווייט פון דעם באשעפער, און וואס איז תשובה, אז מ'האט זיך צוריקגעקערט צום באשעפער, ממילא אויב איינער זאגט שירה בשמחה, וואס דאס מיינט אז ער פריידט זיך אויף זיין קשר וואס ער האט מיטן מלך מלכי המלכים, דאס הייסט אז ער ווייסט אז ער האט נישט פארלוירן זיין קשר מיטן באשעפער, אויף אזוי ווייט אז ער פריידט זיך מיט די שירה, ממילא איז ער זוכה צו מחילת עוונות.....

**קריעת ים סוף איז די** TEST DRIVE **אויף אונזער קשר מיטן ממ"ה!!!!!**

ווייל באמת וואלט א איד נישט געדארפט זוכה זיין דורכצוגיין דעם ים סוף, ווייל דער מצב איז געווען אזוי שווער, אז אפילו א מלאך - דער שר של מצרים, האט געזאגט אז די אידן מיט די גויים זעען אויס די זעלבע. למעשה האט יעדער איד זוכה געווען צו די נס, און ער איז נישט געשטארבן אזויווי מ'איז געשטארבן אין מצרים, ווייל דורך יציאת מצרים האבן מיר באקומען דער כח - דער קשר מיטן באשעפער, אז מיר קענען ארויסגיין פון יעדע מצב, און זיך דערנענטערן צום באשעפער, און אונזערע מעשים דרייען איבער וועלטן, ממילא קענען מיר זינגען, פונקט ווי דער בחור האט געזינגען ווען דער הייליגער ריבניצער רבי האט אים ארויסגעשיקט!!!!!